# ס׳איז אפשר אמת, מלכּה׳לע

ס׳איז אפשר אמת, מלכּה׳לע,
און אפשר נאָר אַ טרוים —
דעם דאָזיקן בריוו דיקטירט מיר
דער אַלטער קאַרשנבוים.

ביינאַכט, דורכן אָפענעם פענסטער
רוישט ער צו מיר אַריין
און ס׳ציטערט איבערן שרייב־פּאַפּיר
אַ פּאַסמע לבנה־שיין.

„שרייב איר, — רוישט דער אַלטער —
אַז איך בין שוין מיט יאָרן זאַט,
אַ קאַרשנבוים אַן אַלטער,
א בן שמונים כמעט.

איך האָב שוין אין מיין לעבן
אַזויפיל מאָל געבליט
און ליבעס האָב איך גענוג געזען,
וויפיל געדענק איך שוין ניט.

נאָר דיינע און וועלוולס זבאַרזשערס
געדענק איך אַזוי ווי היינט,
ווייל איבער דער דאָזיקער ליבע
האָבן אַלע שטערן געשיינט.

פֿאַרוואָס=זשע האָט איר זיך ביירע
אויף יאָרן לאַנג צעשיידט?
צי פֿאַרגינט טאַקע גישט די ליבע
דער ליבע אַ טראָפּן פֿרייד?

צי פֿאַרגינט טאַקע נישט די ליבע
דער ליבע אַ טראָפּן גליק?
זעט און פֿאָלגט אַן אַלטן
און געפֿינט זיך ווידער צוריק.

אָט דאָרט ווי אַמאָל, אַ שטייגער,
אין גאָרטן נעבן דעם פּלויט
און ס׳זאָל אייך, אסור, נישט אַרן,
אַז איך וועל ווערן רויט.

זעט און דערפֿילט די בקשה
פֿון איינעם, וואָס זשיפּעט קוים,
פֿאַרשאַפֿט אַ ביסעלע נחת
אַן אַלטן קאַרשנבוים.״